# פרשת שמיני - אמור י"א ניסן - ט"ו אייר תש"פ לפ"ק

***יום שלישי – ערב פסח***

בשעות הבוקר הגיע **רבינו שליט"א** לשריפת חמץ ברחוב בעדפארד. **רבינו שליט"א** זרק את החמץ לאש, ונכנס לרכב ואמר היהי רצון וכל חמירא.

**רבינו שליט"א** לא הלך לבית האופה לאפיית מצות מצוה, וכשהגיעו המצות לביתו נאוה קודש, קבלם בשמחה, והפרישו חלה מסל המצות, ובחר לעצמו המצות ללילי הסדר וימי החג.

*

***ימי הפסח***

בלילי חג הפסח ערך **רבינו שליט"א** את הסדרים עם מסגרת מצומצם מבני המשפחה. במשך עריכת הסדר השמיע **רבינו שליט"א** כמה פעמים דברי תורה בעניני יציאת מצרים, ובגודל קדושת הלילה. - בליל ב' בירך **רבינו שליט"א** ברכת ספירת העומר אחר הסדר.

בימי חג הפסח ירד **רבינו שליט"א** לבית המדרש סאמבאטהעלי, לעלות לדוכן לנשיאת כפים. (במשך שבועות אלו התפלל **רבינו שליט"א** התפלות אצל החלון היורד מביתו לבית המדרש סאמבאטהעלי).

סעודה שלישית ערך **רבינו שליט"א** בביתו נאוה קודש עם בני המשפחה. הדברי תורה נסובו בענין מה שהקב"ה צירף את הזכותים והמעשים טובים שעתידין ישראל לעשות, ובזכותים אלו הוציאם מצרים וקרע לפניהם את הים.

**רבינו שליט"א** ציטט מדברי הגמרא (ברכות ה.) אם רואה אדם שיסורין באין עליו יפשפש במעשיו, פשפש ולא מצא יתלה בביטול תורה. וכתוב בספר **אזור אליהו** (ריש פ' וישלח) בשם **הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע** שפירש, יפשפש במעשיו, היינו ימשמש במעשיו הטובים, כדי שיהיה סניגור עליו. פשפש ולא מצא, שום סניגור ממעשים טובים. יתלה בביטול תורה, ימציא לעצמו סניגור, כי במצב של יסורין אינו יכול ללמוד תורה ולקיים מצותיה, ויסתכל ה' על העתיד, שכאשר ילכו היסורין ממנו יוכל ללמוד ולקיים מצותיה ע"כ.

והוסיף שדבר זה הוא חיזוק גדול בזמנינו, אשר המצב קשה מאד, והרבה מוטלים על ערש דוי, ובתי כנסיות והתלמודי תורה וישיבות סגורות, יש לעורר רחמים על גודל ביטול התורה שנתהוה מזה, וכמה נחת רוח יעלה לפניו כאשר יחזרו הדברים למקומם. ובפרט בחג הפסח, זמן חרותנו, שגם אז לא היו ישראל ראויים לנס, אלא הביט ה' על העתיד, כמו כן כימי צאתנו ממצרים יראנו נפלאות בקרוב.

*

***יום שלישי – ערב שביעי של פסח***

בשעות הערב השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו לקראת יום טוב שביעי של פסח, לקהל אנ"ש, על ידי הטעלעפאון. בדבריו דיבר **רבינו שליט"א** בגודל קדושת החג, והאריך בדברי אמונה ובטחון שצריך שיאיר אצל האדם בפנימיות לבו, ולהיות מושרש ברמ"ח אבריו כי אין עוד מלבדו, והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים (נדפס בגליון 'דברי תורה').

*

***שביעי ואחרון של פסח***

בליל שביעי של פסח התאספו בני המשפחה בבית **רבינו שליט"א**, ושרו ניגוני הודאה ושמחה **ורבינו שליט"א** השמיע מדברותיו. בחצות הלילה אמר **רבינו שליט"א** שירת הים פסוק בפסוק, ויצאו בריקוד בבקעך ים סוף וכו'.

במוצאי אחרון של פסח הסיב **רבינו שליט"א** לסעודת נעילת החג עם בני המשפחה. אחר ששרו סדר ההגדה כנהוג, השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו בעניני החג. הדברי תורה נסובו בדברי **האריז"ל** שיש לכוון בברכת את צמח דוד, להתפלל על משיח בן יוסף שלא יהרג. והאריך בביאור הדברים, ובענין מלחמת גוג ומגוג וחבלי משיח. – וסיים בענין חשיבות נפשות ישראל ועבודתם, וברמזי הדברים בפרשת הקטורת, שמצרפים החלבנה בסממני הקטורת. והזכיר שיש לכוון באמירת פרשת הקטורת פעמיים בכל יום עד שיעבור המגפה מעלינו לגמרי. - אחר כך יצאו בריקוד חסל סידור בפסח, לשנה הבאה בירושלים.

*

***שבת קודש פרשת שמיני***

סעודה שלישית ערך **רבינו שליט"א** בביתו נאוה קודש עם בני המשפחה, והשמיע דברי תורה בעניני הפרשה.

***יום חמישי פרשת תזריע - מצורע***

בשעות הערב מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי באור החיים הק' על ידי הטעלעפאון.

***קטע מתוך השיעור:***

**די** חכמים האבן איינגעפירט אז נאך פסח, אין משך פון די זומער וואכען, זאל מען עוסק זיין אין פרקי אבות. לערנען די וועגן וואס חז"ל האבן אונז געלערנט, מדות טובות, מילי דחסידותא, ערליכקייט און איידלקייט וואס עס איז אויסגערעכנט אין די פרקים. די מפרשים שטעלן זיך, פארוואס האט מען דאס קובע געווען דוקא נאך פסח.

**איך** האב געטראכט א ענין דערין, איך וועל מקדים זיין א זאך וואס איך האב געהערט פארציילן. אז דער **סאטמארער רב זי"ע** פלעגט ביי שלש סעודות אין די שובבי"ם וואכען, מאריך זיין א לענגערע צייט מיט התעוררות אויף תיקון המעשים. אין די ערשטערע יארן איז אים אויסגעקומען אמאל צו זיין אין טשיקאגא אויף א שבת, נאך געלט פאר די מוסדות, און ער איז איינגעשטאנען ביים **ווייטצענ'ער רב זצ"ל**. עס איז געווען דעמאלטס אין די וואכן פון שובבי"ם, האט אים דער ווייצענער רב געזאגט, אז ער האט הנאה אז דער רבי איז דא אין די טעג פון שובבי"ם, ווייל מען וועט קענען הערן דא אויך א שובבי"ם תורה פונעם רבי'ן. האט ער אים געזאגט, איך טראכט נישט צו רעדן קיין תורה דא. האט ער אים געפרעגט, פארוואס. זאגט ער, צו דעם דארף איך האבן דעם עולם אויך. אז איך האב נישט דעם עולם, קען איך נישט זאגן. - די גמרא (סוכה כא:) זאגט, אז אפילו שיחת חולין של תלמידי חכמים צריכין לימוד, יעדע זאך וואס מען הערט פון א תלמיד חכם, דארף מען אפלערנען די הסבר און די פשט. וואס מיינט דאס צו זאגן אז ער דארף האבן דעם עולם כדי ער זאל קענען מעורר זיין ביי שלש סעודות.

**איך** האב געטראכט דערין צוויי ענינים. איינס, מען ווייסט אז דער אייבערשטער איז משפיע פאר א מנהיג לויט ווי אזוי די מקבלים זענען מקבל. די געדאנקען וואס דער אייבערשטער גיט אריין, ווענדט זיך לויט די מקבלים וואס דארפן עס איבערנעמען. אין הייליגע ספרים שטייט דערויף א משל, אזוי ווי א קינד וואס זייגט ביי די מוטער, איז די מילך וואס די מאמע האט, איז נאר דא אזוי לאנג ווילאנג דאס קינד זייגט. ווען דאס קינד הערט אויף צו זייגן, ווערט צוביסלעך אוועקגענומען די מילך פון די מוטער. די זעלבע איז אויך די מנהיגי ישראל וואס זיי זענען מניק פארן כלל ישראל, ווילאנג עס איז דא שומעים, עס איז דא וואס הערן צו, און מען איז עס מקבל, איז דא א עקסטערע שפע וואס דער אייבערשטער גיט אריין אין זיי.

**עס** שטייט פונעם פריערדיגען **בעלזער רב זי"ע**, אז מען בעהט אין דעם יהי רצון וואס מען זאגט נאך תהלים, אז דער אייבערשטער זאל משפיע פאר די מניקות שלא יחסר חלב מדדיהן, אז די מניקות זאלן האבן גענוג מילך. האט ער געזאגט, אז די מניקות גייט ארויף אויף די צדיקים וואס איז דא אין כלל ישראל, וואס זיי זענען די מניקות פון כלל ישראל. און עס ליגט אין די תפלה שלא יחסר חלב מדדיהן, אז זיי זאלן קענען האבן מילך משפיע צו זיין פאר כלל ישראל.

**דוד** המלך איז דאך געווען זייער גרויס, ער איז פון די שבעה רועים, ער איז געווען מלך ישראל, און דער מלך איז דער לבן של ישראל (**רמב"ם** הל' מלכים ג-ו), וואס האט אוודאי משפיע געווען, און אריינגעברענגט אסאך תורה און אהבת ה' אינעם פאלק. האט דוד המלך געזאגט (תהלים קלא-א) ולא הלכתי בגדולות ובנפלאות ממני, כאטש איך זעה אז איך בין צוגעקומען צו אזעלכע השגות, וואס דוד המלך איז צוגעקומען, אבער איך האב קיינמאל נישט געטראכט אז די גדולות און די נפלאות זענען 'ממני', אז עס קומט פון מיר. כגמול עלי אמו, כגמול עלי נפשי, אזוי ווי דער גמול, דאס קינד וואס זייגט, וואס ער נעמט מילך פון די מוטער, און וועגן דעם קינד גיט דער אייבערשטער מילך פאר די מוטער, אזוי אויך האט זיך דוד המלך באטראכט, אז דאס וואס ער איז צוגעקומען צו די נפלאות און גדולות, איז נישט פון אים, עס איז נאר אינעם זכות פונעם כלל ישראל. - משה רבינו האט געזאגט פאר יודען, בשבילכם הוא נדבר עמי (רש"י ויקרא א-א), דאס וואס דער אייבערשטער רעדט מיט מיר, איז אין ענקער זכות.

**קומט** אויס אז ווען דער אייבערשטער גיט פאר די מניקות, גיט ער עס נאר ווען עס איז דא די קינדער וואס זייגן. האט דער סאטמארער רב געזאגט, אז טאמער ער האט נישט זיין עולם, ער האט נישט

ווער עס זאל מקבל זיין פון אים, קען ער נישט זאגן די ווערטער פון התעוררות וואס ער זאגט אן אנדערס מאל.

*

**אבער** איך האב געטראכט אז עס ליגט דערין נאך א כוונה אויך. מען זאגט נאך אויף איינע פון די צדיקים, אז ער איז געזעסן אמאל מיט זיין קבוצה חסידים, און ער האט געזאגט דברי תורה, און עס איז געווען א גרויס התעוררות צווישן די חסידים. און עס איז אריינגעקומען א פרעמדער, וואס איז נישט געווען פון די קבוצה, און ער האט געזעהן ווי אזוי יעדער ווערט נתעורר, און ביי אים האט נישט באריכט די ווערטער וואס ער האט געהערט. איז ער נאכדעם צוגעגאנגען צו דעם צדיק און ער האט אים געפרעגט, איך זעה אז יעדער איז אזוי נתעורר געווארן פון די ווערטער וואס דער רבי האט גערעדט, און אויף מיר האט עס נישט געמאכט א רושם.

**האט** ער אים געזאגט, איך וועל דיר זאגן א משל. עס איז געווען אמאל א קראנקער וואס האט געדארפט א רפואה, האט דער דאקטער געזאגט, אז ער זעהט נישט פאר אים א אנדערע רפואה נאר אז מען זאל ברענגען א שטארקע וויין, וואס האט א גוטען ריח, און דאס זאל ער שמעקן, און די ריח וועט אריינגיין אין אים, און דורכדעם וועט ער זיך קענען ערהוילן, און צוקומען צו די כוחות. האט מען אים געפרעגט, ווי אזוי טוט מען עס. האט ער געזאגט, מען זאל נעמען די וויין, און עס אויסגיסן אינעם אויוון, און אזוי וועט ער צוקומען צו א רפואה.

**שפעטער** איז מען צוריקגעקומען צו דעם דאקטער, און מען האט אים געזאגט, אז מען האט אזוי געטון, אבער עס האט נישט געהאלפן. האט דער דאקטער געזאגט, זאגטס מיר פונקטליך וואס עטץ האטס געטון. האבן זיי געזאגט, מיר האבן געטון וואס דער דאקטער האט געזאגט, מיר זענען צוגעגאנגען צום אויוון, און מען האט אריינגעגאסן די וויין דערין, און עס האט נישט געמאכט א רושם. האט ער געפרעגט, מען האט איינגעהייצט דעם אויוון פאר דעם. האבן זיי געזאגט, ניין, אין א קאלטן אויוון האבן מיר אויסגעגאסן די וויין. האט ער אנגעהויבן צו לאכען. וואס מיינט עטץ, אז ווען מען גיסט אריין אין א קאלטן אויוון וועט עפעס געשעהן, ווייל עס איז אריינגעקומען דארט וויין. איך האב געמיינט צו זאגען אז מען זאל איינהייצן דעם אויוון, און נאכדעם ווען מען וועט ארויפגיסען די וויין אויף דעם הייסען אויוון, און פון די היץ וואס די וויין האט זיך אנגעווארעמט, וועט ארויסקומען א פארע מיט א שטארקן ריח, און דאס וועט אריינגיין אין די לונגען פון דעם קראנקען, פון דעם וועט ער זיך קענען ערהוילען.

**האט** ער געזאגט, די זעלבע איז אויך ווען א צדיק רעדט ווערטער. אויב די צוהערערס האבן א הארץ, די הארץ איזווארעם, און עס קומט ארויף דערויף די שטארקע וויין, דאס טוט איבערדרייען דעם מענטש, עס טוט אים ערהוילען פון דעם וואס ער איז אריבערגעגאנגען. אבער אז מען נעמט א קאלטן מענטש, א קאלטן הארץ, און מען גיסט אריין דערין, וואס פאר א וויין מען זאל נאר ארויפלייגען דערויף, וועט עס נישט מאכן א רושם. - האט דער צדיק געזאגט, די וואס זענען געזעסן דא, זיי זענען דא מיט ווארימע הערצער, אויף ווארימע הערצער אז מען גיסט ארויף וויין, מאכט עס א רושם. די ביסט אריינגעקומען קאלטערהייט, אויף דיר וועלן די ווערטער נישט מאכן א רושם.

**און** דאס איז דער שיחת חולין של תלמידי חכמים וואס איז צריכין לימוד, וואס דער סאטמארער רב האט געזאגט, אז ווען ער האט זיין עולם, מען קומט מיט אנגעווארימטע הערצער, און מען וויל מקבל זיין, דעמאלטס קענען די התעוררות ווערטער מאכען א רושם, אבער אויף קאלטע מענטשען, האט ער נישט געשפירט, אז זיינע ווערטער וועלן מאכען א רושם, האט ער נישט געזאגט.

**יעדן** פסח ווערט א מענטש אנגעווארעמט, אויסער דעם וואס עס שטייט אין **חסד לאברהם** (עין הקורא נהר נז), אז דרייסיג טאג פאר פסח נעמט דער אייבערשטער ארויס יעדן איינעם פון איין שער פון טומאה וואס מען איז געווען. יעדן פסח ווען א יוד זיצט ביים סדר, און ער איז זיך מתבונן אין די נסים ונפלאות וואס דער אייבערשטער האט געטון פאר אונז, יעדער יום טוב ברענגט דאך א דערהויבנקייט פאר א מענטש, און א מענטש ווערט אנגעווארימט אין משך פונעם פסח. ווילאנג דער מענטש איז ווארעם, האבן די חכמים געזאגט, יעצט איז די צייט

דו זאלסט לערנען פרקי אבות. יעצט אז דו וועסט לערנען מדות טובות, ווי אזוי מען דארף זיך פירן, ווען עס וועט ארויפקומען די גוטע וויין אויף א ווארעם הארץ, דעמאלטס וועט עס מאכען א רושם. קאלטערהייט וועט עס פעלן.

**מען** האלט נאך אזא יום טוב, וואס מען האט זיך אנגעווארימט, אלע האבן ווארימע הערצער, דארף מען אויסנוצען די טעג ווילאנג די הארץ איז נאך ווארעם, אז מען זאל מקבל זיין מוסר. מען קען נישט יעצט לערנען אזוי ווי מען האט אמאל געלערנט, עס פעלט די מעגליכקייט דערצו, אבער וואס מען קען יא מקבל זיין, וואס מען קען אליין לערנען, וואס מען קען הערן, דארף מען מחשיב זיין יעדע זאך.

*

***<u>שבת קודש פרשת תזריע - מצורע</u>***

סעודה שלישית ערך **רבינו שליט"א** בביתו נאוה קודש עם בני המשפחה, והשמיע דברי תורה בעניני הפרשה.

*

***<u>יום שני פרשת אחרי - קדושים</u>***

בשעות אחר הצהרים התחיל **רבינו שליט"א** למסור שיעור היומי בשלחן ערוך (סי' ש"י - הל' מוקצה) לתלמידי ישיבה גדולה על ידי הטעלעפאון.

*

***<u>יום חמישי פרשת אחרי - קדושים</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **שלום** (ב"ר אהרן) **קליין** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, ונתן דורן דרשה להבחור הבר מצוה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי באור החיים הק' על ידי הטעלעפאון.

***<u>קטע מתוך השיעור:</u>***

**די** גמרא (יומא פו.) זאגט, אז עס איז דא ד' חילוקי כפרה. ווען א מענטש האט געזינדיגט, איז דא פיר ערליי חילוקים ווי אזוי עס ווערט אים נתכפר דער חטא... אויב מען האט עובר געווען אויף חילול ה', נוצט אפילו נישט קיין יסורים, נאר יום המיתה ח"ו דאס איז מכפר אויף חילול ה'.

**חילול** ה' טייטשט איבער די גמרא (שם), איז נישט דער טייטש אז א מענטש האט געטון א עבירה, און מיט דעם האט ער מחלל געווען שם שמים. נאר אפילו ער האט געטון א זאך וואס איז נישט א חטא, מען קען נישט אנצייגן אז ער האט עובר געווען אויף א מצוה אין די תורה, אבער דאס אויסזעהן פון וואס ער האט געטון, קוקט אויס ווי ער האט געטון נישט א איידעלע זאך, און עס ברענגט אראפ דעם כבוד פון א יוד וואס דארף זיין א בן תורה, איז עס חילול ה'. עס ווערט נישט געמאסטן אין די עבירה, נאר עס ווערט געמאסטן ווי אזוי עס קוקט אויס פאר אנדערע מענטשן. די גמרא זאגט, אז רב האט געזאגט, אז ווען ער קויפט אין א געשעפט, און ער באצאלט נישט תיכף, און מען קען אים חושד זיין אז ער באצאלט נישט, איז עס ביי אים גערעכנט ווי א חילול ה'. רבי יוחנן האט געזאגט, ווען ער גייט ד' אמות אן תורה און אן תפלין, אפילו ווען ער איז שוואך, און ער האט נישט געהאט קיין כח צו לערנען, ער איז געווען פטור, אבער מען קוקט אז רבי יוחנן דרייט זיך ארום און ער לערנט נישט, ווערט עס גערעכנט פאר א חילול ה'.

**נאך** מער זאגט די גמרא, אפילו ווען איינער לערנט, אבער ווען עס קומט צו האנדלען, האנדלט ער נישט ערליך, משאו ומתנו איז נישט באמונה. אז ער האנדלט נישט ערליך מיינט, אפילו ער האט נישט עובר געווען א עבירה, ער האט נישט אפגענארט יענעם, אבער עס איז נישט געווען ווי עס דארף צו זיין. און נאכמער, אפילו עס איז נאר אין דיבורו בנחת עם הבריות. ווען ער רעדט, רעדט ער נישט איידל, עס איז נישט בנחת, עס איז נישט מיט א רואיגקייט, ער איז אויפגערעגט, און ער רעדט מיט א ווילדקייט. עס איז נישט דא א לאו אין די תורה אז מען טאר נישט אזוי רעדן, אבער עס ברענגט אראפ דעם חשיבות פונעם אייבערשטנ'ס נאמען, ווערט ער גערעכנט ווי א מחלל שם שמים.

**עס** איז נוגע אין די יעצטיגע צייטן אויך. **עס איז דא זאכן, וואס אפילו עס זאל זיין מותר על פי תורה, אויב דער גוי וועט אנקוקן, אז דאס וואס דער יוד טוט, איז נישט אויסגעהאלטן, גייט עס אריין אין גדר פון חילול**

ה'. ווייל אין די גמרא איז משמע, אז חילול ה' איז שייך אפילו ווען דער גוי וועט זאגן. ווייל די גמרא ברענגט א פסוק (יחזקאל לו-כ) אז די גוים וועלן זאגן עם ה' אלה ומארצו יצאו, דאס זענען עם ה' וואס דער אייבערשטער האט זיי אוועקגעשיקט מארצו.

**אין היינטיגע צייטן, אין די מצב וואו מען איז, די אלע געזעצן וואס איז דא, איז שטארק וויכטיג אז מען זאל זיך האלטן צו דעם וואס מען פארלאנגט. ווייל היינט איז נישט דא א זאך וואס א מענטש האט געטון פריוואט, אלעס קומט ארויס אויף די גאס, און אלעס ווערט באשריבן אין די צייטונגען און אין אנדערע פלעצער, און עס קומט היינט אן צו די מידי"ע. און א זאך וואס עס פארשווארצט א יוד'ס פנים, אז ער גיט נישט אכט אויף די געזונט פון די באפעלקערונג, איז עס ח"ו גובל מיט חילול ה', וואס אויף דעם איז אפילו יום כיפור אויך נישט מכפר.**

*

***שבת קודש פרשת אחרי - קדושים***

אחר התפלה התקיים בבית **רבינו שליט"א** קידושא רבא לרגל הולדת הבת אצל הר"ר **יואל פייערווערקער** הי"ו (משב"ק).

סעודה שלישית ערך **רבינו שליט"א** בביתו נאוה קודש עם בני המשפחה, והשמיע דברי תורה בעניני הפרשה.

*

***יום חמישי פרשת אמור***

בשעות הערב מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי באור החיים הק' על ידי הטעלעפאן.

***קטע מתוך השיעור:***

**מיין טאטע ז"ל**, ווען עס איז געקומען א אדם חשוב, א אדם גדול, אין די שטאט, איז ער אים געגאנגען מקבל פנים זיין. און ער האט אלץ מיטגענומען די קינדער, מיך און מיין ברודער, דער רב פון תולדות אהרן להבחל"ח, וואס איז געווען דער יונגסטער אין שטוב. ער האט געוואלט אז מען זאל קענען דעם אדם גדול, מען זאל באקומען א ברכה פון אים. ווען מען איז אריינגעגאנגען אין שטוב, האט ער אנגעזאגט, דו זאלסט געבן שלום, דו זאלסט געבן א קיש אויף די האנט. און ווען מען איז אוועקגעגאנגען האט ער אלץ געבעטן אז מען זאל געבן א ברכה פאר די קינדער, מען זאל זיי בענטשן.

**ער** האט געהאט א פעטער, דער פריערדיגער **קראסנער רב, רבי הלל ליכטענשטיין זצ"ל**, ער איז געווען א איידעם בזיווג ראשון ביים זיידען דער **שאמלויא'ער רב זצ"ל**, און יעדן חול המועד איז ער אים געגאנגען באזוכן, און ער האט מיטגענומען די קינדער צו דעם באזוך. איך געדענק אז אמאל חול המועד איז ער געגאנגען באזוכן דעם קראסנא רב זצ"ל. איך בין נאך געווען א קינד, אפשר נאך פאר די בר מצוה. ער איז געזעסן אין ספרים שטוב, און עס איז געלעגן אויפן טיש א ספר וואס ער האט באקומען פון זיינס א ידיד, וואס האט געהייסן רבי יחזקאל שווארץ. ער איז געווען א מוקיר רבנן, ער האט זיך געדרייט ביי אסאך גוטע יודען, און ער האט אים געגעבן א יום טוב'דיגען ספר. און אויפן ערשטען בלעטל איז געווען אריינגעשריבן, אז דאס גיט ער פאר זיין רבי, א צוויי דריי שורות מיט טיטלען, און ער האט זיך אונטערגעשריבן.

**אזוי** לאנג ווי מען האט געשמועסט האב איך געעפענט דעם ספר, און איך האב געקוקט וואס ער האט געשריבן אויף אים, זעה איך אז אויף איינע פון די טיטלען איז דא א שטראך, עס איז אויסגעשטראכן מיט א אנדערע סארט פעדער, ווי מען מעקט אויס א זאך. קוק איך וואס עס איז געשטאנען דארט, איז געשטאנען דארט 'הקדוש'. צווישן די טיטלעך וואס ער האט געשריבן אויפן קראסנא רב, האט ער געשריבן הקדוש. איך שטעל מיך פאר, אז א אנדערער האט עס נישט אויסגעמעקט, נאר דער קראסנא רב אליין. ער האט נישט געקענט סובל זיין, אז מען זאל קענען שרייבן אויף אים אז ער איז א קדוש, האט ער גענומען א פעדער, און ער האט עס אויסגעשטראכן. די איבריגע טיטלען האט אים נישט אזוי געאהרט.

**קדוש** איז א געוואלדיגער טיטל. א מענטש וואס איז עובר אויף א עבירה, איז ער אויס קדוש. א קדוש איז דער טייטש, אז ער שטייט שוין העכער פון דעם, ער איז יעצט אפגעהיטן פון יעדן חטא, און ער איז א פרוש פון דער וועלט, ער האט נישט קיין שום שייכות צו עניני עולם הזה, דאס ווערט אנגערופן

קדוש. ער האט געשפירט, אז דעם טיטל קען ער נישט לאזן אויף זיך. **הײנט איז געווארן אזוי ביליג די טיטלען, הרב הקדוש וכדומה, וואס עס איז לא מינייהו ולא מקצתה, עס איז זייער ווייט פון קדושה. ווייל דער טאטע איז געווען א קדוש, צו דער זיידע איז געווען א קדוש, מיינט נאכנישט אז עס קומט זיך אזא טיטל.** עס איז געווארן אזוי איינגעפירט אין די וועלט היינט, צו שרייבן אזעלכע טיטלען. - אבער על כל פנים די תורה זוכט זיך צו פארענטפערן, ווי אזוי קען איך שרייבן אויף אים (ויקרא כא-ח) וקדשתו, אז דו זאלסט אים מקדש זיין. אויב איך צווינג אים, איז עס נישט א קדושה. זאגט די תורה, קדוש יהיה לך, ער איז שוין א קדוש, נאר וואס דען, איך וויל אז ער זאל אנהאלטן זיין קדושה, און אויף דעם צווינג איך אים, אז מען זאל עס האלטן.

*

אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** מדברותיו על ידי הטעלעפאון, לרגל הדינער של כולל שומרי החומות לצדקת רבי מאיר בעל הנס.

***וזה תוכן הדברים:***

**עס** איז מיר א כבוד צו באגריסען די אלע משתתפים צום דינער פון כולל שומרי החומות היינט ביינאכט. מען זיצט נישט צוזאמען, יעדער איז אפגעזונדערט ביי זיך אין שטוב, עס איז מריחוק מקום, אבער עס איז מקירוב הלב, די הערצער זענען אלע צוזאמען ארויסצוהעלפן פארן כולל. מען איז מקיים (אבות ב-ה) במקום שאין אנשים השתדל להיות איש, ווען אנשים קענען זיך נישט צוזאמקומען, ווען עס איז א מקום, א מצב, פון אין אנשים, השתדל להיות איש, פון דעסטוועגן דאך, כלל ישראל, ישראל קדושים, יעדער איינער איז זיך משתדל, איך וויל זיין א חלק פון די וואס זענען מחזיק דעם כולל, אשרי חלקם.

**מען** דארף נישט פארשטעלן וואס דער כולל איז. די אלע וואס הערן, זענען דאך צוגעבינדען צום כולל. דער כולל איז א זאך וואס מיר האבן בירושה פון אונזערע עלטערן, פון אונזערע רבי'ס. עס איז אויפגעשטעלט געווארן דורך גדולי תלמידי חתם סופר, וואס זענען געווען די רבי'ס פון אלע אונזערע אבות. אונזערע עלטערן און אונזערע זיידעס האבן געגעבן דעם קיום דערצו, וואס עס האט זיך נישט אויפגעהערט זייט דעמאלטס די החזקה פונעם כולל. און מיר האבן די זכיה ווייטער ממשיך צו זיין, און מחזק זיין דעם כולל, וואס דאס איז פון די חשוב'סטע צדקות וואס עס איז דא אויף די וועלט. עניי ארץ ישראל, מסלתה ומשמנה פון ירושלים עיר הקודש, וואס עס איז כולל אין זיך אלע סארט צדקות. אנגעהויבן פון א תלמוד תורה, א ישיבה קטנה, ישיבה גדולה. כוללים אין אלע געביטן, כולל ש"ס, שלחן ערוך, חושן משפט. ארויסצוהעלפן אלמנות און יתומים. עזרת נישואין, חתונה צו מאכן קינדער, געבן שטאפיר צו די חתונה. פאר זקנים, עס איז נישט דא א צדקה וואס זאל נישט זיין נכלל אין דעם. וואס יעדער וואס איז זיך משתתף דערין, האט א געוואלדיגען זכות אין אזויפיל סארט צדקות וואס קומט ארויס פון דעם כולל. און ער איז מחזיק אומנות אבותיו, דאס וואס אונזערע עלטערן האבן אויפגעשטעלט דעם כולל, טוען מיר דאס ווייטער ממשיך זיין.

*

**איך** האב געוואלט זאגן א ווארט לכבוד די חשובע מצוה פון צדקה. די גמרא (תענית ט.) פארציילט, אז רבי יוחנן האט אמאל געטראפן א קינד פון ריש לקיש, ריש לקיש איז שוין נסתלק געווארן, און עס איז איבערגעבליבן א יתום. דער יתום איז געווען א נעפיו פון רבי יוחנן, ווייל ריש לקיש האט חתונה געהאט מיט רבי יוחנן'ס שוועסטער. האט ער אים געזאגט, אימא לי פסוקיך, זאג מיר דעם פסוק וואס דו האסט געלערנט. האט ער אים געזאגט, אז ער האט געלערנט דעם פסוק (דברים טו-ד) עשר תעשר, די מצוה פון מעשר, אז א מענטש דארף אוועקגעבן מעשר פון זיין פארמעגן פאר שבט לוי. האט דאס קינד צוריקגעפרעגט רבי יוחנן, וואס איז דער דאפלטער לשון עשר תעשר. האט אים רבי יוחנן געענטפערט, עשר בשביל שתתעשר, געב מעשר כדי דו זאלסט זוכה זיין צו עשירות. האט ער אים געפרעגט, מנא לך, ווי אזוי ווייסטו אז פאר מעשר באקומט מען עשירות. האט אים רבי יוחנן געזאגט, זיל נסי, פראביר עס אויס. געב מעשר, וועסטו זעהן אז דו וועסט ווערן א עושר. האט אים דאס קינד צוריקגעפרעגט, ומי שרי לנסויה להקב"ה, מעג מען דען פרובן דעם אייבערשטען, עס שטייט דאך אין פסוק (דברים ו-טז) לא תנסו את ה', מען טאר נישט פרובן דעם אייבערשטען. האט אים רבי יוחנן געזאגט,

א מימרא פון רבי הושעיא, חוץ מזו, מען טאר נישט פרובן דעם אייבערשטען, אויסער ביי צדקה, ווייל אזוי שטייט אין פסוק (מלאכי ג-י) אז דער אייבערשטער זאגט, ובחנוני נא בזאת אמר ה' צבאו'ת, דער אייבערשטער זאגט, דו קענסט מיך פרובן מיט דעם, אם לא אפתח לכם את ארובות השמים, איך וועל ענק עפענען די פענסטערס פון הימל, והריקותי לכם ברכה עד בלי די, עד שיבלו שפתותיכם מלומר די. כאטש מען טאר נישט פרובן דעם אייבערשטען ביי קיין שום מצוה, צו זאגן, איך וועל טון א מצוה פארן אייבערשטען, און איך וויל זעהן צו דער אייבערשטער וועט מיר באצאלן דערפאר. אבער צדקה מעג מען פרובן, עשר בשביל שתתעשר.

**עס** איז דא א דיוק וואס מען דארף זיך שטעלן דערויף. פארוואס איז טאקע אנדערש צדקה פון אלע אנדערע מצות, וואס מען טאר נישט פרובן דעם אייבערשטען, אבער ביי צדקה מעג מען פרובן, עשר בשביל שתתעשר. צווייטענס, ער האט גע'דרש'נט עשר בשביל שתתעשר, געב מעשר מיט א ציל אז דו זאלסט ווערן א עושר. מיר ווייסן אז הוו כעבדים המשמשין את הרב שלא על מנת לקבל פרס (אבות א-ג), מען דארף זיין א עבד וואס דינט דעם אייבערשטען אן קבלת פרס. אמת עשר תעשר, דער אייבערשטער האט צוגעזאגט והריקותי לכם ברכה עד בלי די, און עס ליגט אינעם פסוק, עשר, דו זאלסט געבן מעשר, תעשר, וועסטו ווערן א עושר. אבער ער זאגט דאך עשר 'בשביל' שתתעשר, געב מעשר כדי דו זאלסט ווערן א עושר, פארוואס? עס איז דאך על מנת לקבל פרס.

**איך** וואלט געטראכט אז דער פשט דערפון איז. א מענטש טוט א זאך, כדי צו האבן דערפון א תועלת. וואס א מענטש טוט, וויל ער דאך צוריק האבן עפעס א נוצן דערפון. איז דא צוויי ערליי אופנים, ווי אזוי ער קען צוריק האבן דעם תועלת. אמאל איז די תועלת פון די זאך וואס ער טוט, בדרך הטבע, ער דארף גארנישט צוטון דערצו. אז מען טוט אזוי, קומט צו די תועלת וואס ער וויל. אמאל איז עס א זאך וואס איז נישט צוגעבינדען צו די זאך וואס ער האט געטון, אבער מען באקומט צוריק א נוצן דערפון. און מיר וועלן אנכאפן א משל. ווען א מענטש עסט, באקומט ער תיכף די תועלת דערפון, ער ווערט תיכף זאט, ער דארף גארנישט צוטון דערצו. עס איז נישט א פרס וואס מען האט אים באצאלט, אז ווייל ער האט געגעסן, וועגן דעם איז ער נישט הונגעריג. עס איז אין טבע. אז מען עסט, ווערט מען זאט. ווען א מענטש זייעט אן א פעלד, און עס וואקסט נאכדעם פירות, דאס איז אין טבע, דו האסט אנגעזייעט א פעלד, ברענגט דאס צו אז עס זאל אנהייבן צו וואקסען, און עס זאל ברענגען פירות.

**עס** איז דא אמאל וואס די תועלת קומט פון די זייט. ווען א מענטש טוט א טובה פאר א צווייטען, און יענער איז דאך א מענטש, צאלט ער אים צוריק פאר די טובה וואס ער האט געטון. עס איז אבער נישט צוגעבינדן איינס מיטן אנדערן מיט א הכרח, אז ווייל איך האב געטון א טובה פאר יענעם, זאל יענער מיר צוריק טון די טובה. עס ווענדט זיך ווי אזוי יענער האט עס אפגעשאצט, עס ווענדט זיך אין די גוטסקייט פון יענעם מענטש, עס איז נישט אייביג זיכער אז עס קומט צוריק. עס איז נישט קיין טבעיות אז עס זאל צוריק קומען. עסן און ווערן זאט, מען זייעט אן און עס וואקסט, דאס איז אין טבע.

**עס** זענען דא מצות וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן וואס אין טבע ברענגט עס א הצלחה. ווען א יוד גיט צדקה, ער גיט מעשר, עפענט עס פאר אים די טויערן אויבן אין הימל, ער זאל באקומען עשירות. עס איז נישט א שכר וואס מען גיט אים פאר די מעשר וואס ער האט געגעבן. דער באשעפער האט אויסגעשטעלט די וועלט, אז אזוי ווי ווען מען עסט, ווערט מען זאט, די זעלבע ווען א יוד גיט מעשר, עפנט זיך פאר אים די טויערן אויבן אין הימל, און ער באקומט צוריק די ברכה. אנדערע מצות וואס א מענטש באקומט שכר דערויף, איז עס ווייל דו האסט געטון א מצוה פארן אייבערשטען, באצאלט דיר דער באשעפער צוריק דערפאר א שכר. און עס איז תלוי וויפיל דער אייבערשטער וויל דיר געבן, ווי אזוי ער שאצט אפ דיין מצוה. אבער צדקה דאס איז א זאך וואס עס קומט מיט זיך מיט, דער אייבערשטער האט אראפגעלייגט די סגולה פון צדקה, אז בגלל הדבר הזה, יברכך ה' אלקיך, פאר דעם קומט אראפ א ברכה וואס דער אייבערשטער בענטשט.

**וועגן** דעם זאגט די גמרא (בבא קמא יז.), אז צדקה ווערט אנגערופן זריעה. אין זריעה אלא צדקה, שנאמר (הושע י-יב) זרעו לכם לצדקה, צדקה דאס איז

זריעה. אזוי ווי ווען דו טוסט איינזייען א זאך אין די ערד, איז נאטורליך אז עס קומט ארויס דערפון פירות, אזוי איז צדקה. אם לא אפתח לכם ארובות השמים, צדקה וואס די געבסט איז א שליסל צו עפענען אויבן די פענסטערס פון הימל, אז עס זאל אראפקומען א ברכה. פתוח תפתח את ידך לאחיך לענייך (דברים טו-יא), עס איז א דאפלטער לשון. 'פתוח', מיט דעם וואס דו עפנסט דיין האנט פארן ארימאן, 'תפתח', עפנסטו אויבן די ארובות השמים, אז עס זאל פאר דיר אראפקומען א ברכה.

**איז** ממילא צדקה אנדערש פון אלע אנדערע מצות, און עס איז שרוי לנסוייה, דו קענסט עס פרובן. מען קען נישט פרובן דעם אייבערשטען ביי אנדערע מצות, ווייל עס איז נישט קיין הכרח אז עס מוז קומען דער שכר וואס דער אייבערשטער גיט. דער באשעפר באצאלט עס נאר, אבער עס איז נישט קיין טבע אז עס מוז צוריקקומען. אבער אין צדקה האט דער אייבערשטער אריינגעלייגט א טבע, אז ווען מען גיט צדקה, עפענט מען די טויערן פון הימל, און עס קומט צוריק. ובחנוני נא בזאת, מיט דעם קענסטו פרובן, פונקט ווי ווען א מענטש עסט ווערט ער זאט, עס איז א זאך וואס קומט בטבע, און מען קען עס פרובן, אז ווען מען עסט ווערט מען זאט, און ווען מען וועט איינזייען, וועט וואקסען, די זעלבע איז ביי צדקה אויך. עשר בשביל שתתעשר, דו קענסט געבן מעשר, בשביל שתתעשר, כדי דו זאלסט ווערן א עושר, ווייל עס איז א זיכערע זאך אז עס וועט קומען די עשירות דורך דעם וואס דו ווערסט מעשר'ן.

**עס** איז דא א שיין ווארט פונעם **באבוב'ער רב זצ"ל**, דער **קדושת ציון**. האט ער געזאגט, שלמה המלך זאגט (קהלת י-ב) לב חכם לימינו ולב כסיל לשמאלו. זאגט ער, אז עס איז דא א שי"ן וואס די פינטעל איז אויף די רעכטע זייט, און עס איז דא א שי"ן וואס די פינטעל איז אויף די לינקע זייט. עשר, געבן מעשר, איז די פינטעל אויף די לינקע זייט פון די שי"ן. ביי עשירות, איז די פינטעל אויף די רעכטע זייט פון די שי"ן. דער חכם, ווען עס קומט צו געבן צדקה, קוקט ער נישט אויף דעם אז עס קאסט מיך יעצט געלט, איך געב ארויס מעשר, א צענטל פון מיין פארמעגן געב איך יעצט אוועק, און עס זאל אים ווי טון דאס הארץ דערויף. א חכם איז א רואה את הנולד (תמיד לב.), ער זעהט וואס עס קומט ארויס פון וואס ער טוט, ער זעהט שוין פאר זיינע אויגן דאס עשירות וואס ער גייט באקומען אין זכות פון די צדקה. לב חכם, די הארץ פונעם חכם, לימינו, ווען ער גיט צדקה זעהט ער תיכף דעם עשירות וואס ער באקומט דערפאר, ער זעהט שוין דעם תעשר, ער זעהט שוין די רעכטע זייט, דעם רעכטע שי"ן פון די מעשר וואס ער גיט. אבער לב כסיל לשמאלו, ער קוקט אויף די פינטעל וואס איז אויף לינקע זייט, אויף דעם עשר, איך דארף יעצט ארויסנעמען געלט פון מיין טאש, און געבן א טשע"ק פאר צדקה, ער זעהט נישט דאס וואס ווערט נאכקומען נאכדעם.

**אבער** דער אייבערשטער האט אונז געזאגט, ובחנוני נא בזאת, מיר קענען פרובן דעם אייבערשטען, עס איז זיכער אז ווען א יוד וועט געבן צדקה, און כל שכן ווי חשוב'ער די צדקה איז, און א צדקה וואס קומט אן אויף ירושלים, וואס דארט איז עיני ה' אלקיך בה מראשית השנה עד אחרית שנה (דברים יא-יב), זאגט רש"י, אז די ברכה וואס דער אייבערשטער גיט אויף די גאנצע וועלט, קומט נאר פון ארץ ישראל. מיר עפענען די ארובות השמים דורך די צדקה וואס מיר געבן דארט, איז דא א ברכה וואס איז פארזיכערט פאר אונז, אז עס גייט אונז צוריקקומען, אם לא אפתח לכם את ארובות השמים, והריקותי לכם ברכה עד בלי די. ווען מען גיט צדקה איז דאס נישט נאר א שכר וואס דער אייבערשטער גיט צוריק עשירות, נאר דאס איז דער שליסל צו עפענען די ארובות השמים. ווען מען גיט צדקה, האט מען געעפנט די ארובות השמים. און אז עס איז אפען די ארובות, פאלען אראפ די ברכות אויף דעם וואס האט געגעבן די צדקה.

*

**איך** וויל צוענדיגען מיט א ווארט, וואס איז נוגע פאר אונזער צדקה ספעציעל, די צדקה פון כולל שומרי החומות, וואס דאס האבן מיר מקבל געווען בירושה פון אונזערע עלטערן, און דאס גייען מיר אנהאלטן, אונז מיט אונזערע דורות שפעטער, ביז משיח וועט קומען. עס איז דא א גמרא (ביצה ד:) אקעגן יום טוב שני. מיר ווייסען אז די חכמים האבן מתקן געווען יום טוב שני פאר די יושבי חוץ לארץ וואס זענען נישט געווען בקי בקביעא דירחא, זיי האבן נישט געוואוסט ווען מען האט מקדש געווען

דעם חודש אין ארץ ישראל, אמאל איז דער חודש חסר, און אמאל איז עס מלא, און זיי האבן נישט געוואוסט ווען עס געפאלט אויס יום טוב. האבן די חכמים מתקן געווען יום טוב שני, אז מכח ספק דארף מען האלטן א צווייטען טאג יום טוב.

**נאכדעם** וואס עס איז חרוב געווארן דער בית המקדש, מען האט אויפגעהערט מקדש צו זיין על פי הראיה, איז געקומען הלל, און ער האט אויסגעשטעלט א לוח, ווי אזוי מען שטעלט אויס דעם חסר מיט די מלא, אז עס זאלן אויסקומען די ימים טובים געהעריג, ביז משיח וועט קומען. און מיר זענען היינט בקי בקביעא דירחא. פרעגט די גמרא, השתא דידעינן בקביעא דירחא, אויב מיר זענען בקי בקביעא דירחא, מאי טעמא עבדינן תרי יומי, פארוואס דארפן מיר האלטן צווי טאג יום טוב. ענטפערט די גמרא, משום דשלחו מתם, מען האט אונז געשיקט פון ארץ ישראל זאגען, הזהרו במנהג אבותיכם בידיכם, עטץ זאלטס זיין געווארענט אנצוהאלטן די מנהג פון ענקערע עלטערן אין ענקערע הענט, אז מען זאל האלטן יום טוב שני ווייטער. פארוואס, ווייל זימנין דגזרי המלכות גזירה, ווי רש"י טייטשט, אמאל וועט די מלכות גוזר זיין א גזירה, עס קען פארקומען אז עס וועט זיין א גזירה פונעם מלכות, און מען וועט נישט קענען עוסק זיין בתורה, און עס וועט נשתכח ווערן דער סוד העיבור, און מען וועט נישט וויסן אויסצושטעלן די ימים טובים, ואתי לקלקולי, וועט אויסקומען א קלקול אינעם יום טוב. הזהרו במנהג אבותיכם בידיכם, מיר האלטן יום טוב שני, ווייל עס איז געווען א מנהג פון אונזערע עלטערן אזוי זיך צו פירן, כאטש ביי אונז איז בטל געווארן דער טעם, פון דעסטוועגן דאך זענען מיר נזהר אין מנהג אבותינו.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (בחידושים על הש"ס שם) זאגט, אז פון דעם זעהט מען דעם געוואלדיגע ענין פון א מנהג אז מען זאל עס אנהאלטן. די חכמים האבן צוגעגעבן אין א וואכעדיגען טאג, וואס איז לכולי עלמא חול היינט, און פון דעסטוועגן דאך האלטן מיר יום טוב שני, און מיר מאכען ברכות אויפן יום טוב, מיר זענען דובר שקרים, מיר זאגען אז עס איז פסח, מיר זאגען אז עס איז שמיני עצרת, עס איז שוין נאך פסח, עס איז שוין נאך שמיני עצרת, אלץ מנהג אבותינו בידינו דארפן מיר מחזיק זיין אין די מנהג.

**וואס** עס איז אבער נוגע צו אונז. ער זאגט דעם לשון, הזהרו במנהג אבותיכם 'בידיכם'. עס ליגט דא א ענין וואס איז נוגע צום כולל שומרי החומות, וואס דאס איז מנהג אבותינו. די צדקה, דאס איז געווען די צדקה פון אונזערע עלטערן. זיי האבן מחזיק געווען דעם כולל, זיי האבן אוועקגעגעבן פון זייער ברויט צו עסן, צו געבן צדקה פאר דעם כולל. אין ליידן און אין פריידן, ווען עס איז געווען א שמחה, און ווען עס איז געווען א עת צרה, איז דאס געווען די איינציגע צדקה פושקע וואס איז געווען אמאל אין יודישע שטובער, וואס ביי דעם האט מען אויסגע'פועל'ט אלעס וואס מען האט געדארפט צו האבן.

**צדקה** וואס מען גיט, רופט אן די תורה אז מען גיט עס מיט די הענט. פתוח תפתח את 'ידך' לאחיך לענייך, שטרעק אויס דיין האנט פארן ארימאן. האבן די חכמים אונז געזאגט, הזהרו במנהג אבותיכם 'בידיכם', די ידיכם וואס דארפן געבן צדקה, **הזהרו במנהג אבותיכם, זייטס נזהר, האלטס אן מנהג אבותיכם, וואס ענקערע עלטערן האבן געהאט מסירת נפש פאר די צדקה. לאזט עס נישט ארויס, זייטס נזהר, זייטס געווארענט, אנצוהאלטן די מנהג אבותיכם, בידיכם, אין ענקערע הענט וואס געבן צדקה.**

**פארוואס איז אזוי חשוב די מנהג אבותיכם. ווייל צדקה פאר זיך אליין איז מעורר רחמים, ווי מען האט פריער גערעדט, כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך. און כל שכן ווען עס קומט מיט דערצו, אז מיר ווילן אויפהאלטן די מנהג אבותינו, איך טוה עס ווייל מיינע עלטערן האבן עס געהאלטן חשוב, איך גיי בדרכי אבות, און איך וויל אנהאלטן וואס זיי האבן געטון, איז מען מעורר מיט דעם אז אונזערע אבות זאלן מתפלל זיין פאר אונז. מיר זענען ממשיך ענקער עבודה, עטץ לעבסט שוין נישט, עטץ קענסט עס שוין נישט טון, אבער אונז טוה מיר ממשיך זיין די צדקה, אונז טוה מיר עס אויסהאלטן ווייטער, און דורכדעם זענען זיי אויך מעורר אין הימל רחמים אויף אונז.**

**ליכא** מידי דלא רמיזי, אין חז"ל איז אלעס מרומז. זאגען אונז חז"ל, הזהרו במנהג אבותיכם בידיכם, זייטס געווארענט אנצוהאלטן די מנהג אבותיכם, וואס עס איז אין די הענט פון די וואס געבן צדקה. און די גמרא גיט צו, איך וועל דיר זאגן וואס איז די חשיבות פון מנהג אבותיכם. וואס איז א חילוק צו

איך געב א אנדערע צדקה, צו איך געב מנהג אבותיכם. דו זאלסט וויסן, אז 'זמנין דגזרי המלכות גזירה', עס קען אמאל זיין אין הימל האט מען גוזר געווען א גזירה אויף ענק, מלכות שמים ווערט אויך אנגערופן מלכות, און די גזירות קומען פון הימל. עס קען זיין דגזרו המלכות גזירה, עס קומט אמאל א זמן וואס עס איז דא א גזירה פונעם מלכות אויף כלל ישראל. 'ואתי לקלקולי', וועלן קומען די אבות, און זיי וועלן עס מקלקל זיין, זיי וועלן אוועקנעמען די גזירה, הקב"ה גוזר וצדיק מבטלה (מועד קטן טז:). אונזערע אבות האבן געוואלדיגע זכותים וואס זיי קענען מבטל זיין די גזירות. אויב מיר וועלן זיין נזהר במנהג אבותיכם בידיכם, מיר וועלן זיין נזהר אנצוהאלטן די צדקה וואס מיר האבן מקבל געווען פון אונזערע אבות, איז די חשיבות דערפון, אז זמנין דגזרו המלכות גזירה, אפילו עס וועט זיין א גזירה פון מלכות שמים אויף אונז, אתי לקלקולי, וועלן זיי קומען און זיי וועלן עס מקלקל זיין.

**און דאס איז נוגע אין אונזער זמן יעצט, וואס מען זיצט איינגעשפארט אינעם שטוב, מען קען זיך נישט צוזאמקומען. וואס יעדער מאכט דאך מיט. וואס עס איז שוין אדורכגעגאנגען ביז יעצט, וויפיל יודישע שטובער זענען צובראכן געווארן דורך דעם מצב וואס מען שטייט. וויפיל פרנסות פון כלל ישראל איז צוגרונד געגאנגען און שוואך געווארן, און דער אייבערשטער זאל האלטן די רעכטע האנט ווייטער. עס איז גזרו המלכות גזירה, עס איז אויף אונז נגזר געווארן א גזירה אויבן פונעם מלכות, אבער טאמער מיר וועלן נזהר זיין במנהג אבותינו בידינו, מיר וועלן אנהאלטן וואס אונזערע עלטערן האבן געטון, אתי, וועלן זיי קומען, לקלקולי, און זיי וועלן צוברעכן די גזירה. אין אזא נאכט ווי היינט, וואס טויזנטער יודען קומען זיך צוזאם צו געבן צדקה. אפילו מען קען נישט צוזאמקומען פאר זיך אליין, פון דעסטוועגן דאך איז מען זיך משתתף און מען קומט זיך צוזאם, איז דא דער זכות דערפון, אז די גזירה וועט שנעל בטל ווערן.**

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן זוכה זיין דערצו אין זכות פונעם הייליגען תנא רבי מאיר, מען האט פריער ארויסגעברענגט דעם געוואלדיגען זכות פון רבי מאיר מבטל צו זיין דינים, אלקא דמאיר עננו, דער זכות פון רבי מאיר זאל אויף אונז מגין זיין. די אלע יודען וואס זענען זיך משתתף יעצט ארויסצוהעלפן די צדקה פונעם הייליגען תנא רבי מאיר, זאל ער זיין א מליץ יושר אויף אונז אלע. דער באשעפער זאל העלפן אז די גזירות וואס מיר גייען אדורך יעצט זאלן שנעל בטל ווערן, און דער אייבערשטער זאל אונז עפענען די ארובות השמים, והריקותי לכם ברכה עד בלי די, עד שיבלו שפתותיכם מלומר די. עס זאל אראפקומען אזויפיל ברכה, עד שיבלו שפתותיכם מלומר די. יעדער זאל געהאלפן ווערן בכל מילי דמיטב, דער באשעפער זאל ממלא זיין כל משאלות לבבנו לטובה, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

*__שבת קודש פרשת אמור__*

סעודה שלישית ערך **רבינו שליט"א** בביתו נאוה קודש עם בני המשפחה, והשמיע דברי תורה בעניני הפרשה.